# זכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שופטים תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 497



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### געווינען די פיינט דורך קריאת שמע

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" (כ ג)

פון דעם וואס דער פסוק הייבט אן מיטן לשון "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" דרש'ענען די חכמים (סוטה מב א, הובא ברש"י): "אמר להן הקדוש ברוך לישראל: אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע [וואס הייבט זיך מיט די ווערטער "שמע ישראל"] שחרית וערבית, אי אתם נמסרים בידם". דער 'בן איש חי' ('בן יהוידע' שם) לייגט צו אז קריאת שמע איז ווי א שווערד וואס דורך דעם קען דער מענטש בייקומען זיינע פיינט, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות ה א): "כל הקורא קריאת שמע על מיטתו, כאלו אוחז חרב של שתי פיות בידו".

די באזונדערע סגולה פון די מצוה פון קריאת שמע צו קענען געווינען די פיינט האט ערקלערט **רבי פינחס סאסיש** פון סטאניסלאוו:

דער 'בינה לעיתים' שרייבט (עת צרה דרוש נ) אז תשובה מיראה האט נאר די כח צו באשיצן דער וואס האט תשובה געטוהן עס זאלן נישט קומען אויף אים קיין יסורים, אבער עס העלפט אים נישט ער זאל געווינען זיינע פיינט. דאס איז די כוונה פון חכמים אין זייער מאמר (אבות ד יא): "תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות", צו זאגן: תשובה מיראה איז נאר ווי א פאנצער וואס באשיצט דעם סאלדאט פון א שאדן, אבער עס העלפט נישט צו קענען שעדיגן די פיינט. פון זיינע ווערטער קומט אויס אז תשובה מאהבה איז צוגעגלעכנט צו א שווערד וואס קען יא זיגן די פיינט. און ווייל קריאת שמע ברענגט ארויס די אהבת ה' [זעה אין 'משנה ברורה' וואס שרייבט (כה יד) אז בשעתן זאגן "ואהבת..." זאל ער ארייננברענגען אין זיין הארץ אהבת ה'], וועגן דעם דער וואס איז מקפיד עס ליינען איז זוכה צו געווינען זיינע פיינט.

[רבי פינחס סאסיש וואס האט געלעבט פאר ארום צוויי הונדערט יאר אין סטאניסלאוו איז געווען א צדיק נסתר, און עס ווערט דערציילט אויף אים אז ער פלעגט זיצן אין די קרעטשמע אין זיין שטאט, און דערמאנען פאר יעדן צו זאגן א ברכה ראשונה און א ברכה אחרונה, און האט געענטפערט אמן נאך זייערע ברכות].

'פרדס המלך'; 'ראש דבר' בראש ספר 'פרדס המלך'

•

מיט די ווערטער פון חז"ל וואס זאגן אז די זכות פון קריאת שמע איז גענוג צו באשיצן די אידן ערקלערט **רבי אברהם אבא הערצל** פון די פרעשבורגער רבנים אונזער בקשה ביי די סוף פון 'תחנון': "שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל":

די ווערטער "שומר ישראל" גייט ארויף אויף די צדיקים, וואס זענען זוכה צו א באזונדערע שמירה צוליב זייערע מעשים טובים. דערנאך וואס מיר באטאנען די שמירה וואס די צדיקים זענען זוכה, בעהטן מיר אז הקב"ה זאל אויך אפהיטן די בינונים וואס ווערן אנגערופן "שארית ישראל". און צום סוף לייגט מען צו נאך בקשה: "ואל יאבד" אויך "ישראל האומרים שמע ישראל" - די וואס האבן נאר די זכות פון זאגן "שמע ישראל", ווייל די חכמים זאגן דאך אז עס איז גענוג די זכות זיי צו באשיצן זיי זאלן נישט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון זייערע פיינט.

'שפתי חכמים' ברכות כח ב

•

אין זיין ספר "כרם הצבי" ציטירט **רבי צבי הירש פערבער** א בריוו וואס א גוי'שער סאלדאט האט געשיקט פון די פראנט וואו דארט האט ער געקעמפט מיט די אונגארישער מיליטער אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג. די בריוו וואס איז געשריבן געווארן צו זיין פרוי איז פארעפנטליך געווארן אין א ענגלישע צייטונג, י"ט תמוז תרע"ו. הרב פערבער באטאנט אז ער איבערגעשריבן די בריוו "אות באות": "איך בעט דיך, בעט פון אונזער שכן 'חיים' דער איד, ער זאל דיר ערקלערן די באדייט פון די ווערטער 'שמע ישראל'; ווייל יעדע מאל וואס העכער אונזערע קעפ פליען באמבעס און די סאלדאטן פאלן ווי זאנגען נאכן שניט, דעמאלטס הייבן אן די אידישע סאלדאטן שרייען 'שמע ישראל': און זיי ווערן געראטעוועט פון טויט. דערפאר, באלד דערנאך וואס ער וועט דיך ערקלערן זאלסטו מיר עס באלד לאזן צו וויסן, כדי אויב חלילה איך וועל זיך געפינען אין א לעבנ'ס געפאר וועל איך קענען געראטעוועט ווערן פון טויט אין זכות פון די ווערטער".

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### לא הביישן מברך

פון צייט צו צייט טרעף איך טייערע אידן וואס אין זייער קביעות'דיגן שוהל האבן זיי א קביעות צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, אבער ווען זיי זענען אין א פרעמדן שוהל, שטארקן זיך אויף זיי די בושה געפילן און עס קומט זיי שווער אן זיך צו ווענדן צו א פרעמדן און אים בעטן ער זאל פאר אים זאגן די ברכות.

און איך שטיי און וואונדער זיך: עס איז טאקע ריכטיג אז בעטן א פערזענליכע טובה פון א פרעמדן איז פארבינדן מיט אומבאקוועמליכקייט, אבער ווי איז דאס פארבינדן צו דעם? עס האנדלט זיך דען פון 'בעהטן טובה'?! ווען מיר זאגן ברכות פאר אנדערע, זענען מיר די וואס געבן זיי א טובה! מיר זענען זיי מזכה מיט א ריזיגן אוצר! א אוצר פון אמן'ס! עס איז דען מעגליך אז מיר וועלן זיך שעמען צו געבן א טייערע מתנה פאר אנדערע?!

מער פון דעם, די נסיון דערציילט אונז נישט איינמאל, אז אט דער מענטש, וואס איר שעמט זיך אזוי פון אים, וויל דיר בעטן אז איר זאלט ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, און ער האלט זיך צוריק צוליב בושה... און ווי איינער פון מיינע באקאנטע האט מיר אמאל דערציילט, אז אין א רייזע צוליב זיינע געשעפטן האט ער זיך אמאל געטראפן אין א פרעמדער שול. ער האט געוואלט בעטן פון איינעם פון די מתפללים ער זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, אבער ער האט מורא געהאט אפשר וועט יענער נישט פארשטיין וואס ער בעהט. ווען ער טראכט וואס צו טוהן, האט יענער מענטש זיך צו אים געוואנדן און געבעהטן צו זאגן פאר אים די ברכות און אים מזכה זיין מיט ענטפערן אמן, ויהי לפלא...

און אויב מיר רעדן איבער בושה, ווי גרויס וועט זיין די בושה שטייענדיג פארן בית דין של מעלה און מען וועט פרעגן פארוואס מיר האבן נישט מקפיד געווען אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, וואס פון איין זייט איז עס אזוי גרינג און פשוט אויסצופירן, און פון די אנדערע זייט איז עס זייער גרויס און חשוב, אזוי ווי די חכמים זאגן (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים". אין ספר 'רחמי האב' (אות נו) שרייבט רבי יעקב קטינא פון חוסט אז אויף אט די בושה האט דוד המלך מרמז געווען אין דעם פסוק (תהילים פג יז): "מל**א** פניה**ם** קלו**ן**" - וואס די סופי תיבות זענען אמ"ן.

אזוי ווי דוד המלך וואס האט אויסגערופן (תהלים לד ד): "גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו", מיר וועלן זיך פלייסיגן זיך צו ווענדן צו די וואס שטייען נעבן אונז און פארשלאגן צו זאגן ברכות השחר צוזאמען, און אזוי וועלן מיר האבן די זכות צו דאנקן דעם באשעפער יעדן אינדערפרי מיט א שלימות.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# דער געוויין פון דער רידב"ז

מיטאג צייט אין די אלטע שול אין שטאט צפת. די באזוכער זענען באגריסט געווארן דורך דעם עלטערן געשטאלט פון רבי יעקב דוד ווילאווסקי, א געוואלדיגער ת"ח און גאון וואס האט זיך א לאנגע צייט צוריק באזעצט אין זייער שטאט, נאך לאנגע יארן אין וועלכע ער האט געדינט אלס רב אין עטליכע חשובע קהילות אין אייראפע און אין אמעריקע. ר' יעקב דוד ווערט גערופן 'הרידב"ז' אויף די נאמען פון זיין גרויסן חיבור, פירוש הרידב"ז [=רינת יעקב דוד בן זאב] אויף תלמוד ירושלמי.

ווייל אין יענעם טאג איז אויסגעפאלן דער יארצייט פון זיין פאטער, איז דער רידב"ז געקומען פרי אין שוהל צו דאווענען מנחה, און ביז דער מנין איז צוזאמגעשטעלט געווארן, האט ער זיך אנגעלאנט אויף א שטענדער און איינגעזונקען אין זיינע געדאנקען, און מיטאמאל האט זיך געהערט א שטילע געוויין. די געוויין וואס איז געהערט געווארן האט ערוועקט די נייגער פון איינער פון די מתפללים, און נאכן דאווענען האט ער זיך געוואנדן צום רב און געפרעגט: "דער רב זאל מיר מוחל זיין, שוין כמעט פופציג יאר איז פארביי זינט דעם פאטער'ס פטירה, פארוואס האט דער רב אזא ביטערער געוויין?

דער רידב"ז איז איבערראשט געווארן פון די פראגע, אבער ער האט זיך נישט אפגעהאלטן פון ענטפערן:

"איך וועל אייך דערציילן וואס איך האב זיך דערמאנט, כדי איר זאלט פארשטיין וואס האט מיך געמאכט וויינען", האט דער רב אנגעהויבן זיין ערציילונג; "איך בין געבוירן געווארן אין



די געשטאלט פון דער הרידב"ז זצ"ל

דער שטאט קאברין, צו מיין טאטן רבי זאב, און מיין מאמע מרת הענדיל. אלס קינד האב איך זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט מיינע טאלאנטן און התמדה, און מיינע עלטערן וואס האבן געפילט די גרויסע אחריות וואס ליגט אויף זייערע פלייצע'ס, האבן באשלאסן צו טוהן יעדע מי איך זאל קענען שטייגן און וואקסן אין תורה.

אין אונזער שטאט איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, א געלונגענער מיט א זעלטענעם שפראך, און מיין טאטע האט מיך געוואלט שיקן צו אים לערנען ער זאל עפענען פאר מיר די טויערן פון תורה. אבער דער מלמד וועלכער מען איז שטארק נאכגעלאפן, האט געפאדערט א גאנצן רובל אויף א חודש לערנען. די סומע איז געווען גרעסער פון מיין פאטער'ס מעגליכקייט, אבער דאס האט אים נישט צוריק געהאלטן פון מסכים זיין דאס צו נעמען אויף זיך.

מיין טאטנ'ס פאך איז געווען צו בויען-אויוונ'ס - א פאך וואס די חודש'ליכע פארדינסטן איז געווען זייער מאגער און איז קוים גענוג געווען צו קענען שפייזן די משפחה. פונדעסטוועגן, האט מיין טאטע באשלאסן זיך אנשטרענגען און פרובירן אננעמען מער ארבעט, אלעס כדי איך זאל וואקסן אין תורה.

איך האב אנגעהויבן לערנען ביי דעם מלמד אנהויב די זמן פון אלול, און דער מלמד האט מיט א געטריישאפט געטוהן זיין ארבעט, און איך האב געלערנט זייער פלייסיג און שטארק געשטיגן אין ידיעת התורה און אין הבנת התורה.

דאס איז געווען אין אנהויב ווינטער. ס'איז שוין אדורך דריי חדשים פון ווען איך האב אנגעהויבן לערנען מיט'ן מלמד, און ער האט נאכנישט באקומען זיין געהאלט. כאטש מיין טאטע האט פרובירט דאס בעסטע, פונקט אין יענע צייט, האט זיך קיינער נישט געוואנדן צו אים מיט א געבעהטע צו בויען אדער פאררעכטן א אויוון, איז אויסגעקומען אז האט ער נישט געהאט צו באצאלן דעם מלמד.

דער מלמד האט צוגעווארט מיט געדולד צו באקומען זיין געלט, אבער מער האט ער נישט געקענט פארשוויגן, ער האט געהאט א געבענטשטע פאמיליע וואס ער האט זיי געדארפט שפייזן. ער האט געשיקט מיט מיר א צעטל אין וועלכער ער האט קלאר געשטעלט אז אויב ער וועט נישט גלייך באקומען די גאנצע באצאלונג וואס מען איז אים שולדיג, וועט ער נישט קענען ווייטער לערנען מיט מיר. אסאך קינדער זענען געשטאנען אין דער רייע צו קענען לערנען מיט אים, און נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה וועט ער מוזן אויסקלייבן א צווייטן אנשטאט מיר.

ווען איך האב מיט א תמימות איבערגעגעבן די צעטל פאר מיינע עלטערן, האבן זיי אויסגעבראכן אין א געוויין - נישט צוליב די געלט וואס איז נישטא אין שטוב, נאר אויף דעם וואס איך וועל נישט קענען ווייטער לערנען.

מיט סייעתא דשמיא, האט מיין טאטע באקומען א ידיעה אז איינער פון די רייכסטע מענטשן אין שטעטל שטייט בעפאר די חתונה פון זיין זון און וויל בויען א אויוון אין די נייע הויז וואס ער האט צוגעגרייט פאר זיין זון. אבער דא איז אויפגעקומען א פראבלעם; די ציגל-פאבריק אין דער געגנט האט אויפגעהערט צו ארבעטן, ציגל איז געווארן א זעלטענע סחורה אין אונזער געגנט, און כאטש ער האט געהאט אסאך געלט, האט ער נישט געקענט בויען א אויוון פאר זיין זון.

אין א קאלטן און לאנגן אייראפעישן ווינטער איז א ציגל-אויוון צו הייצן די הייזער נישט קיין לוקסוס. דאס איז א וויכטיגע פראדוקט וואס אויף דעם קען מען נישט מוותר זיין. דער עושר האט פרובירט אויף אלע וועגן צו ערגרייכן ציגל צו בויען א אויוון, אבער אלע זיינע באמיאונגען זענען געווען אומזיסט, עס איז נישט געווען צו באקומען ציגל אין דעם גאנצן געגנט.

דער גביר איז געקומען צו מיין פאטער און אים פארגעשלאגן א הויכן פרייז פון זעקס רובל אויב ער וועט טרעפן ציגל און בויען א אויוון פאר זיין זון. מיין טאטע האט געטראכט, און ענדליך איז אים איינגעפאלן א דרייסטע און אינטערעסאנטע געדאנק; צוזאמען מיט מיין מאמע זענען זיי צוגעקומען צו א באשלוס, איז נאך אין דעם זעלבן טאג איז צונומען געווארן די אויוון אין אונזער הויז, ווען מיין פאטער נוצט זיינע ציגל אויף בויען די אויוון ביי די נייע הויז פון דעם גביר'ס זון. אזוי, אז נאך צוויי טעג פון שווערע ארבעט, איז ער אהיימגעקומען ווען זיין פנים שטראלט און אין זיינע הענט זענען דא זעקס רובל.

נאך אין דעם אוונט האט מען מיך געשיקט מיט די זעקס רובל צום מלמד; "זאג דעם מלמד, אז ער האט דא שכר לימוד פאר די פריערדיגע דריי חדשים און פאר די קומענדיגע דריי חדשים" - האט מיר מיין פאטער געזאגט מיט א שטארקער שטימע, ווען ער האט מיר איבערגעגעבן דעם טייערן אוצר. אויף זיין פנים איז נישט געווען קיין צייכן פון טרויער וואס האט אים אפשר געדארפט באגלייטן אין רעזולטאט פון די גרויסע הקרבה.

מיט די טעג האט זיך דער ווינטער געשטארקט און די קעלט האט זיך פארשטערקערט. אן א אויוון אין אונזער הויז, זענען מיר אלע - מיין טאטע און מאמע און ברידער און שוועסטער - פארפרוירן געווארן פון קעלט. מיר האבן זיך ארומגענומען אין יעדע זאך וואס איז נאר מעגליך געווען, אבער אין די פארפרוירענע נעכט איז נישט געווען גענוג מיט וואס זיך צו קענען זיך פארגרינגערן אפילו אביסל פון די שרעקליכע קעלט.

טראץ אלעס האבן מיר אלע מקבל געווען די ליידן מיט ליבשאפט. אונזער שטוב איז געווען אנגעזאפט מיט אהבת תורה, און די גאנצע משפחה האט זיך געפרייט צו נעמען א חלק אין די ערציעהן פון דעם ברודער צו תורה".

"יעצט וועל איך דיר ערקלערן פארוואס איך האב געוויינט", האט דער רידב"ז פארענדיגט און געזאגט צו דעם צפת'ער איד וואס האט זיך צוגעהערט מיט א אפענער מויל צו זיין מעשה; "היינט פארמיטאג, איידער איך בין ארויס פון הויז צום דאווענען, האב איך ארויסגעקוקט אינדרויסן, דער קעלט איז געווען גרויס, איז מיר ארויפגעקומען א געדאנק אין מיין מח אפשר דאס מאל, צוליב מיין הויכן עלטער, זאל איך נישט ארויסגיין פון שטוב. דאס מאל וועל איך מוותר זיין אויף א תפילה אין שוהל, און איך וועל צוזאמנעמען א מנין ביי מיר אין שטוב. אבער תיכף האב איך אפגעווארפן די דאזיגע מחשבה, איך האב באשלאסן אז לכבוד מיין פאטער וועל איך טוהן א באזונדערע מי און גיין דאווענען אין שוהל.

ווייל איך בין אנגעקומען פרי און עס איז מיר געבליבן צייט צו טראכטן, האב איך זיך מיטאמאל דערמאנט אין יענעם אומפארגעסליכן ווינטער. איך האב זיך דערמאנט אין די שווערע קעלט פון וועלכע די גאנצע משפחה האבן געליטן, ווען זיי פרייען זיך אין די חלק וואס זיי האבן זוכה געווען אין מיין תורה. ווען איך האב דאס צוגעשטעלט מיט דעם געדאנק וואס איז מיר איינגעפאלן צו בלייבן אין דערהיים צוליב די קעלט אינדרויסן, האב איך נישט געקענט זיך איינהאלטן פון צו פארגיסן טרערן".

'שאל אביך ויגדך' ח"א עמ' יג

# די כוונה ביים ענטפערן אמן

## נאך די תפילה פון 'קדיש'

ביי די תפילה פון קדיש בעהטן מיר אז הקב"ה זאל דערנענטערן די צייט פון פארווירקליכן די צוזאג וואס ער האט צוגעזאגט דורך זיינע נביאים, אז עס וועט זיין 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא' און עס זאל אנטפלעקט ווערן זיין מלכות לעתיד לבוא. דערפאר דארף מען ענטפערן אמן נאכן קדיש מיט די באדייט פון 'יהי רצון'. אבער עס איז דא איינער וואס האלט אז נאך: "יתגדל ויתקדש שמיה רבא", "בריך הוא" און "דאמירן בעלמא" דארף מען ענטפערן מיט די באדייט פון 'אמת', ווייל די שטיקלעך זענען א לויב און נישט קיין געבעהט.

מקורות וביאורים:

דער 'משנה ברורה' (קכד כה) ברענגט צו דעם 'פרי מגדים' (שם א"א י) אז אלע אמן'ס אין די קדיש האבן אין זיך די באדייט פון 'יהי רצון', אזוי ווי יעדע אמן נאך א תפילה און בקשה. און אזוי זעהט אויך אויס אין של"ה (מסכת תמיד אות ס) און אין 'מגן אברהם' (שם י). אבער דער 'בן איש חי' ('עוד יוסף חי' פרשת ויחי סעיף טז) האלט אז אין א קדיש איז דא דריי שטיקלעך וואס האבן נישט קיין בקשה און דערפאר דארף מען ביי זיי ענטפערן אמן מיט די באדייט פון 'אמת'.

דער 'פרי מגדים' (שם ובסי' נא משב"ז ג) שרייבט אז ביים ענטפערן אמן נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבה" דארף מען אינזין האבן: 'יהי רצון שיתגדל ויתקדש שם ה' **במהרה**', און אזוי ווי מיר בעהטן אין די פארזעצונג פון קדיש: "ובזמן קריב". ווייל אויב ער וועט נאר אינזין האבן: 'יהי רצון שיתגדל ויתקדש שם ה'', וועט ער אויסקוקן ווי א כופר חלילה, ווייל עס זעהט אויס פון זיינע ווערטער אז ער איז נישט אינגאנצן פארזיכערט אין די הבטחה פון השי"ת וואס ער האט צוגעזאגט פאר זיינע נביאים אז לעתיד לבוא וועט פארהייליגט ווערן זיין נאמען, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לח כג): "והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים וידעו כי אני ה'" (ראה טור או"ח נו). אבער דער פרי מגדים וואונדערט זיך (שם) אז לויט דעם וועט אויסקומען אז די כוונה פון די אמן וועט זיין ענליך צו די כוונה פון די אמן וואס מען זאגט נאך "בעגלא [שנעל] ובזמן קריב", פארוואס האט מען מתקן געווען ענטפערן צוויי אמן'ס איינס נאכן צווייטן מיט די זעלבע כוונה? אבער לויט די ווערטער פון 'בן איש חי' אז "יתגדל ויתקדש שמיה רבא", איז נישט קיין געבעהט נאר א לויב, און אויף דעם איז די כוונה 'אמת', און נאך 'בזמן קריב' וואס איז א בקשה דארף מען ענטפערן אמן מיט א באדייט פון "יהי רצון", פאלט אוועק די וואונדער פון 'פרי מגדים', ווייל יעדע אמן האט א אנדערע כוונה.

עס איז דא וואס האלטן אז ביים ענטפערן אמן נאך "עושה שלום" דארף מען אינזין האבן צוויי כוונות: 'אמת' און 'יהי רצון'. ווייל עס האט א שבח - "עושה שלום במרומיו", און אויך א בקשה - "הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל" ('עולת תמיד' פרק כג בהגהה).

## די כוונה פון ענטפערן אמן אויף קדיש

<table>
<tr><th>די חלק פון קדיש</th><th>לויט דער 'משנה ברורה' (קכ כה)</th><th>לויט דער 'בן איש חי'</th></tr>
<tr><td>"יתגדל ויתקדש שמיה רבא"</td><td>יהי רצון<br>[דער פמ"ג (משב"ז נא ג) שרייבט אז דא זאל מען אינזין האבן: 'יהי רצון שיתקיימו הדברים במהרה].</td><td>אמת</td></tr>
<tr><td>"ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה" (לדעת האר"י הק', פע"ח שער הקדישים פרק ו)</td><td colspan="2">יהי רצון</td></tr>
<tr><td>"בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן"</td><td colspan="2">יהי רצון</td></tr>
<tr><td>"לעלם ולעלמי עלמיא יתברך" (ראה שו"ע או"ח נו ב)</td><td>יהי רצון</td><td>אמת</td></tr>
<tr><td>"שמיה דקודשא בריך הוא" (ראה משנ"ב נו יד)</td><td>יהי רצון</td><td>אמת</td></tr>
<tr><td>"דאמירן בעלמא ואמרו אמן"</td><td>יהי רצון</td><td>אמת</td></tr>
<tr><td>"תתקבל צלותהון"</td><td colspan="2">יהי רצון</td></tr>
<tr><td>"יהא שלמא רבא"</td><td colspan="2">יהי רצון</td></tr>
<tr><td>"עושה שלום במרומיו"</td><td colspan="2">יהי רצון</td></tr>
</table>



רבי זלמן בריזל

# רבי זלמן בריזל

## ג' אלול תשנ"ט

רבי שלמה זלמן בריזל איז געבוירן געווארן אין יאר תרס"ז אין ירושלים צו זיין פאטער רבי דוד אריה. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט אין ת"ת און אין ישיבת 'עץ חיים', דארט איז ער געשטיגן אין התמדת התורה און יראת שמים.

נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין אלט-שטאט ירושלים, וואו ער האט זיך באקענט מיט די שוהל פון די קארלינער חסידים וואס האט פונקציאנירט אין ירושלים צווישן די חומות, די ווארימע תפילות האבן געפאנגען זיין הארץ, און פון דעמאלט אן איז זיין נשמה צוגעבינדן געווארן צו די קארלינער צדיקים.

אלע זיינע יארן האט רבי זלמן געלערנט פלייסיג און געדינט דעם באשעפער מיט א ציטער. זיין טאג מיט אלע זיינע פיר און צוואנציג שעה'ן זענען געווען קודש לה'. ער איז געווען באקאנט מיט זיין עקסטרעמע אפגעהיטנקייט אויף די מצוה פון ענטפערן אמן.

אין ג' אלול תשנ"ט, האבן זיך געענדיגט דריי און ניינציג יאר פון עבודת ה', רבי זלמן האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום אויבערשטן, און איז באערדיגט געווארן אויפן הר המנוחות אין ירושלים.

### א ריזיגער גביר

די טייערקייט פון ענטפערן אמן ביי רבי זלמן בריזל איז געווען אן א גרעניץ און אן א מאס. אין אלע שעה'ן פון טאג, אנגעהויבן פון די פרי'ע מארגן שעה'ן איז ער געווען פארנומען מיט זאמלען אמן'ס. עס איז געווען געוואוינט צו זאגן "איך בין א ריזיגער גביר". ער איז געווען גרייט צו דערציילן די סוד פון זיין ריזיגע רייכטום אין די אויערן פון ווער עס איז נאר גרייט געווען צו הערן; איך פרוביר צו ענטפערן אמן'ס אין לויף פונעם טאג וויפיל איך קען, און איך בין זוכה צו זאמלען אמן'ס אן א שיעור. האט איר א אנונג אויף די ווערד פון איין אמן? (ר' זלמן' עמ' 281).

ווען מען האט אים מכבד געווען צו רעדן, האט ער נישט געזאגט קיין אינטערעסאנטע טייטשן, נאר באלד צוגעגאנגען צו דעם ענין וואס האט אים געברענט אין די ביינער: די ווערטער פון חז"ל אויף די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן (שם עמוד 283).

### טויזנטער אמן'ס יעדן אינדערפרי

כדי צו באקומען א ריכטיגע באגריף איבער די טייערקייט פון ענטפערן אמן ביי רבי זלמן בריזל, איז גענוג געווען זיך מתבונן זיין אין זיין דאווענען אינדערפרי פון א געווענליכן טאג. ער פלעגט זיצן אויף זיין באשטימטן ארט, אנגעטוהן מיט טלית און תפילין, ווען זיינע אויערן זענען געעפנט ברייט הערן די טויזנטער 'אמן' וואס די מתפללים האבן אים געברענגט.

יונג און אלט האבן געוואוסט אז די אמן'ס דארף מען ברענגען צו ר' זלמן 'דער סוחר', וועלכער וועט זיך פרייען מיט זיי. ווייל ווער נאך ווי ער פארשטייט די גוטסקייט פון די סחורה און ווייסט צו שעצן איר ווערד און טייערקייט.

די קינדער פון יענע צייטן וואס זענען שוין היינט טאטע'ס פאר זייערע קינדער, און זיידעס פאר זייערע אייניקלעך, דערציילן:

איין טאג, נאכן דאווענען, האט רבי זלמן גערופן אלע יונגע בחורים און געבעטן זיי זאלן זיך פארזאמלען ארום אים, ווייל עפעס וויכטיג וויל ער זיי זאגן. ווען זיי האבן זיך צונויפגענומען, האט ר' זלמן ארויסגענומען פון שאפע דעם הייליגן ספר 'בית אהרן', און האט פאר זיי אויפגעליינט א שטיקל פון די 'סדר היום' פון מרן אדמו"ר הזקן מקארלין זי"ע:

**"שכל אחד ישמע מחבירו כל ברכה שצריך הוא לאומרה בכדי שיענה אמן, כי איתא בכתבי האר"י ז"ל שהיה שומע ברכות השחר אפילו ממאה אנשים, אף על פי שהיה יכול ברגע אחד לייחד כל העולמות, אפילו הכי, לא השגיח על העת, ולא היה מתעצל לשמוע אפילו מאה פעמים הנותן לשכוי בינה וכל הברכות".**

רבי זלמן האט ערקלערט די ווערטער פאר די קינדער: "קינדערלעך! הערט וואס דא שטייט! דער הייליגער אר"י מיט זיין געוואלדיגן גרויסקייט האט יעדן טאג אוועקגעגעבן פון זיין צייט צו הערן די ברכות השחר אפילו פון הונדערט מענטשן! איך בעט אייך, טייערע קינדער, פון היינט און ווייטער קומט צו מיר יעדן טאג זאגן די ברכות השחר, איר ווייסט דען נישט, אז יעדע ברכה איז ווערד ביי מיר הונדערט טויזנט דאללער!".

זינט דעמאלט, איז עס געווארן א שטענדיגע זאך. יעדן טאג פלעגן מיר קומען צו אים זאגן אונזערע ברכות, ווען ער ענטפערט אויף זיי אמן מיט א באזונדערע ליבשאפט (ר' זלמן' עמ' 281).

### דער גרויסער אוצר

טראץ די טויזנטער אמן'ס וואס רבי זלמן האט זוכה צו ענטפערן יעדן אינדערפרי, איז זיין נשמה קיינמאל נישט געווען צופרידן, ער האט געוואלט מיט זיין גאנצע הארץ הערן נאך ברכות און זוכה זיין צו נאך און נאך אמן'ס. פארן זאגן 'ברוך שאמר' האט זיך דער אלטער רבי זלמן געפלאגט צו גיין צו די בימה אין צענטער פון שוהל. ער האט זיך אנגעכאפט אין די קינדער וואס האבן אים אנגעהאלטן פון די צוויי זייטן, אבער זיין גייסט האט אים געטראגן צו די בימה, וואו דארט גייט מען טיילן א גרויסן אוצר...

לויט די קארלינער מנהג איז דא א ממונה וואס זאגט בקביעות די 'ברכות השחר' פארן ציבור פארן זאגן 'ברוך שאמר'. רבי זלמן, וועלכער האט מורא געהאט פון פארלירן אט די טייערע מתנה, נעמט נישט קיין ריזיקע צו פארלירן פופצן אמן'ס... דערפאר שטייט נעבן דער מברך וואס שטייט נעבן די בימה, נייגט צו זיין אויער מיט גרויס קאנצענטרירונג צו די ברכות, און ענטפערט אמן מיט כוונה און מיט שמחה.

אין יענע צייט האט זיין געשטאלט אויסגעזעהן ווי א מענטש וואס האט עטליכע טעג נישט געהאט קיין עסן, און יעצט זעטיגט ער זיין הונגעריגע זעהל... (שם עמוד 177).

### דו האסט מיך בא'גנב'עט

ביי ר' זלמן'ס טיש זענען יעדע שבת געווען אסאך געסט. דורכאויס די סעודה האבן זיינע ליפן געשעפשעט א האפן דברי תורה וחסידות וואס ער פלעגט געבן צו הערן אין די אויערן פון זיינע געסט, און מער פון דעם איז געווען דאס וואס ער האט זיי אלע אויסגעלערנט די וויכטיקייט פון ענטפערן אמן. ער פלעגט אויפליינען פאר זיינע געסט טייערע ארטיקלען פון די ספרים הקדושים איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן.

זייענדיג א נאה דורש ונאה מקיים, האט ער מקפיד געווען אז יעדער גאסט זאל אליין מאכן קידוש אויף וויין, כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן אויף אסאך ברכות. אפילו אויב עס זענען געווען אסאך געסט, האט ער נישט אויפגעגעבן אויף זיין גרויסן חשק צו ענטפערן אמן, און איז גרייט געווען צוווארטן א לאנגע צייט צו קענען אריינכאפן נאך און נאך אמן'ס, ווי ער ערקלערט פאר די פארוואונדערטע: "אויף הונדערט טויזנט דאללער קען מען נישט אזוי גרינג מוותר זיין"...

ווען מען האט דערלאנגט די קאמפאוט, פלעגט רבי זלמן בעטן די געסט זאלן זאגן הויעך די ברכה, ער זאל קענען ענטפערן אמן.

ווען ער האט אמאל געזען איינעם וואס נאכן עסן האט ער געבענטש שנעל און שטיל, איז רבי זלמן אויפגעשטורעמט געווארן און האט אים אנגעשריגן זאגנדיג - "פארוואס האסטו מיך בא'גנב'עט?!" יענער האט זיך גוט דערשראקן, און נישט געוואוסט אין וואספארא גניבה איז רבי זלמן אים חושד, ביז ער האט אים ערקלערט מיט ווייטאג: "האסט דאך געזאגט שטיל די ברכה, דו האסט פון מיר גע'גנב'עט א אמן!" (שם עמוד 283. און זעה אין 'ביאור הלכה' (קלט ו) וואס ברענגט אין נאמען פון 'ספר חסידים' (סי' רנד) "דער וואס זאגט ברכות שטיל גזל'ט ער די מצוות").

### עס איז ווערד צו לעבן וועגן דעם

ווען רבי זלמן איז געגאנגען באזוכן זיין שוועסטער וואס איז געווען אין א שווערן געזונטהייט צושטאנד און געליטן יסורים, האט זי אים געפרעגט: "ווי לאנג וועל איך דארפן ליידן?" האט איר רבי זלמן געענטפערט: "דו ווייסט נישט וואס פאר א גרויסע מתנה איז יעדע מינוט פון לעבן? ביטע טראכט אריין, אין איין מינוט קענסטו אניאגן: נאך איין ברכה, נאך איין אמן, נאך איין מצוה, עס איז כדאי צו לעבן נאר דערפאר! עס לוינט זיך!" (שם עמ' 464).